ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתע"ט
פרשת ויקהל - פרה
שנת תשפ"ה לפ"ק

ז׳ שפט) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר׳ שלום אליעזר פראנקעל הי"ו** גזבר דקהלתינו הק׳

## חסד עפענט אלע טויערן

עס איז געווען איינע פון די יארן כ"א אדר - יומא דהילולא פון הייליגן רבי'ן **רבי אלימלך מליזענסק זלה"ה** - ווען זיין אייניקל **כ"ק הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק זלה"ה** (וואס האט זיך אלעמאל אונטערגעשריבן זיין נאמען דערמאנענדיג אלס אייניקל פון הרה"ק רבי ר׳ אלימלך זי"ע) **האט געפירט טיש** אין פשעווארסקער ביהמ"ד אין אנטווערפן, האט חתנו **כ"ק הרה"ק רבי יענקעלע זלה"ה** דערציילט בפניו א מעשה אנהויבנדיג "דער שווער זאל זיין געזונט האט מיר פארציילט"...

עס איז געווען א אינגערמאן אין ליזענסק, א גרויסער איש החסד, למעשה איז ער נישט געזונט געווארן, און ער איז אוועק פון די וועלט ל"ע.

איינמאל האט זיך רבי אלימלך פלוצלונג אויסגעדרייט צום עולם, און ער האט זאג געגעבן דעם נאמען פונעם אינגערמאן, און געפרעגט "וואו אזוי האט מען זיך אויפגעפירט מיט דיר?!".

האט מען געהערט א קול פון די תשובה פון דעם אינגערמאן "היות איך האב עוסק געווען אין חסד, האבן זיך אלע טירן געעפענט, אלע מקטריגים האבן זיך אוועק גערוקט, חסד האט א כח, איך בין אנקומען צו מיין פלאץ אן קיין שום שטערונגען".

ז׳ שצ) געהויבענע שטריכן לזכרו פון
**הרה"ג ר׳ אהרן פאדריגאל ז"ל**

## לולי תורתך שעשועי אז אבדתי בעניי

פארגאנגענעם ט"ז אדר שושן פורים, איז נסתלק געווארן **הרה"ג ר׳ אהרן ב"ר בן ציון פאדריגאל ז"ל.**

כל ימיו איז ער געווען א גרויסער בעל יסורים. ער האט אסאך מיטגעמאכט צער גידול בנים און אנדערע יסורים ומכאובים, אבער מ'האט געזעהן אויף אים ווי די תורה דאס האלט אים, און דאס איז זיין גאנצע שמחת החיים.

במשך לאנגע יארן איז ער געווען א מלמד תשב"ר, און ער האט אריינגעגעבן אהבת תורה ויראת שמים אין די יונגע קינדער. אבער יעדע איבריגע מינוט האט ער מקדיש געווען צו זיצן און לערנען בהתמדה רבה.

אויף די עלטערע יארן, זוכנדיג א געשמאקע מקום תורה, האט ער אויף די עצה פון זיין חברותא יבלחט"א **הגה"צ רבי חנוך העניך אשכנזי שליט"א** רב ביהמ"ד אבני צדק וראש הכולל - מיט וועמען ער האט געלערנט בחברותא מיט איבער 40 יאר פריער אין קאלוב'ער כולל אין וויליאמסבורג - מקיים געווען דעם 'הוי גולה למקום תורה', ער פלעגט ארויסקומען אין די וואכן טעג קיין קרית יואל, ער האט זיך אריינגעזעצט אין 'כולל' ווי א פרישע אינגערמאן, און עוסק געווען אין די שווערע סוגיות פון שו"ע חושן משפט משך רוב שעות היום. און גענומען די בחינות כחבר מן המנין.

אזוי אויך האט ער געהאט א שיעור מיטן רב שליט"א יעדן מיטאג, ווי מ'האט דורכגעלערנט סוגיות אין שו"ע, אנגעהויבן פונעם טור ב"י ביז נאכן משנה ברורה. אזוי אויך פלעגט ער זיצן טעגליך ביים שיעור פונעם רב שליט"א מיט א שטארקע קביעות. און די שיעורים זענען פארגעזעצט געווארן אויך באישון לילה אין די טיפע נאכט שעות.

ב. די כולל אינגעלייט אין קרית יואל דערציילן מיט התפעלות ווי רבי אהרן ע"ה האט געקענט זיך 'פארלערנען' נאכן סדר הלימוד אפילו א שעה צוויי, זייענדיג פארטועט אין די גרויסע 'קצות'ן און 'נתיבות', נישט באמערקנדיג ניטאמאל אז די משמורות טוישן און דער נאכמיטאג סדר איז שוין אין קראפט. אזוי אויך ביינאכט פלעגט ער בלייבן אין כולל במשך שעות לאנג, צום שיין פון די איינצעלנע לעקטער וואס איז געבליבן לייכטן אין די שעות הערב.

ג. פארגאנגענעם פסח תשפ"ד לפ"ק, ווען ער איז געווען סמוך על שולחנו פון **כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א** ביים אחרון של פסח טיש, האט אים דער רבי שליט"א באלד דערקענט מיט גרויס חביבות, אלס זיין תלמיד פון 'ישיבת עצי חיים סיגעט' מיט נאנט צו 50 יאר צוריק.

ד. אין די לעצטע חדשים האט אים באטראפן א שווערע מחלה ל"ע, טראץ דעם האט ער אנגעהאלטן אלע שיעורים און חברותות אין כולל מיט א מסירות נפש, אז כמעט עס האט זיך נישט אנגעזעהן אינדרויסן אז עפעס גייט פאר מיט איהם.

ה. עס דערציילט א אינגערמאן פון כולל וועלכער האט איהם געפרעגט פון וואו ער נעמט די כוחות צו קומען יעדן טאג לערנען אזוי ברציפות בעומקה של הלכה מיט אזא אויסטערלישע פרישקייט וואס מ'זעהט געווענליך נאר ביי יונגע ישיבה בחורים.

האט ער דערציילט אז בימי בחרותו איז ער אריין מיט א קוויטל צו **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה**, דער רבי איז שוין געווען שטארק אפגעשוואכט, און ער האט געפרעגט "וואס וויל ער?"... נישט טראכטנדיג בעפאר האט ער געענטפערט 'לערנען פלייסיג'.

דער משב"ק הרה"ח ר׳ מאיר דייטש הי"ו האט איבערגעזאגט פארן רבי'ן "דער בחור וויל האבן התמדת התורה", דער רבי האט זיך שטארק צושמייכלט און ער האט אים אנגעוואונטשן.

האט רבי אהרן אויסגעפירט "זייט דעמאלטס האב איך באקומען א חשק און א התמדת התורה וואס באגלייט מיך אלע יארן, און לאזט נישט נאך". ובענוותנותו האט ער צוגעלייגט "איך האב טאקע ליב צו לערנען, אבער א תלמיד חכם בין איך נישט געווארן"...

אבער, זיין חברותא ובעל אכסניא **הגה"צ רב ביהמ"ד אבני צדק שליט"א** זאגט קלאר **"ער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם"...** (לע"נ הרה"ג ר׳ אהרן ב"ר בן ציון ז"ל, יהא זכרו ברוך)

ז׳ שצא) עס האט דערציילט אונזער זיידע
**הגה"צ ר׳ שמואל דוד טויב ז"ל הכ"מ** אב"ד בריד

## איך זעה אים דאך ביים טיש...

בימי ילדותו איז ער געווארן א יתום פון זיין מוטער ע"ה, און היות זיין פאטער **הגה"צ רבי עמרם ז"ל אב"ד באלטימאר** האט געוואוינט אין ווייטן באלטימאר, האט ער געזוכט פאר אים א היימישע ישיבה מיט א געהעריגע דארמיטארי, האט ער אים אריינגעלייגט אין די קאשויער ישיבה וואס האט געהאט א מסודר'דיגע קווארטיר.

עס איז געווען אמאל ווען דער באלטימארער רב ז"ל איז געקומען קיין וויליאמסבורג, איז ער אריין לקבל פני מורו ורבו **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה**, און ער האט מיטגענומען זיין זון רבי שמואל דוד ז"ל, און ער האט זיך אזוי פארענפערט פארן רבי'ן אז ער לערנט נישט אין סאטמאר ווייל ער האט געדארפט א ישיבה מיט א דארמיטארי.

רופט זיך אן דער רבי מיט א לעכטיגן שמייכל "ער... **כ'זעה אים דאך דא יעדע פרייטאג צו נאכטס ביים טיש**"... עס איז געווען אזא הרגשה אז דאס וואס דער רבי זעהט אים ביים טיש, מאכט אים פארעכנט ווי אן אייגענער תלמיד הישיבה.

ב. רבי שמואל דוד ז"ל איז געווען א איש צדיק תמים, א בעל יסורים און עובד ה׳ להפליא, א ירא שמים מרבים, און א בעל מידות נשגבות. ער האט ליידער מיטגעמאכט א חיי צער ומכאובים אויף מערערע אופנים, פארט איז אלעמאל געווען 'צהלתו בפניו' אויף א געוואלדיגן אופן.

זיינע תלמידים וואס ער האט מעמיד געווען במשך צענדליגער יארן אין די סאטמארע ישיבה קטנה, קענען נישט פארגעסן פון זיין דמות דיוקן, זיין מהות, זיין '**הוא היה אומר**', וואס איז געווען א לעבעדיגער מוסר ספר וואס האט געהאט א מורא'דיגע השפעה אויף זיינע תלמידים.

ג. עס איז געבליבן אין די ביינער פון די תלמידים, ווען איין יאר כ"א כסלו האט ער געזאגט א דרשה פאר די בחורים בעניני תפילה, ווען אינצווישן האט ער אויפגעהויבן זיין הארציגע שטימע און **אויסגערופן "ווי שעמט מען זיך נישט צו זאגן ביים סיום פון די שמונה עשרה "יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי", וואס האט מען אינזינען געהאט ביי די שמונה עשרה?!"**... און דא האט ער זיך צעוויינט ברבים, וואס האט אויפגעטרייסלט די הערצער פון די יונגע בחורים'לעך.

ד. עס דערציילט א תלמיד פון 'מחנה רב טוב - דערילענד', וואס ער געדענקט ווען איינמאל איז געווען פארשטאפט די סינק אין קעמפ נעבן ביהמ"ד פון 'ר׳ שמעון ווייס', און אלע בחורים האבן זיך געוואשן די הענט, און די סינק איז איבערגערינען, און היות עס איז געווען אינדערויסן אויף די גאס האט קיינעם נישט געשטערט אז די וואסער רינט ארויס...

אינמיטן קומט אן דער חשוב'ער מגיד שיעור רבי שמואל דוד, מיט זיין נאטורליכע רואיגקייט און לייכטן שמייכל גייט ער צו צום סינק, ער ציהט ארויף די ארבל ביזן עלענבויגן, און ער הייבט אן מיט די הענט צו אויפשטאפן די סינק... און דאס וואסער איז אראפגערינען...

אה, איז דאס געווען א שטילע 'מוסר שמועס' פאר די ארומיגע תלמידים, באין אומר ואין דברים, האט דאס טיף געשניטן מה חובת העולמו, בין אדם למקום, בין אדם לחברו. (לע"נ הגה"צ רבי שמואל דוד ב"ר עמרם זצ"ל, נפטר י"ב אדר תשפ"ה לפ"ק)

ז׳ שצב) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה״ח ר׳ מאיר הירש הי״ו** מראה״ק והנהלת מוסדות קרית יואל

## פאר וועמען גיט מען א הכשר?!

איך האב זוכה געווען במשך לאנגע יארן צו שטיין לימין קדשו פון **כ״ק מרן רבינו הגה״ק הברך משה זלה״ה**, און ארויסהעלפן בעניני הקהילה והמוסדות. במשך די יארן האב איך געהאט די זכי׳ צו מקבל זיין פונעם רבי׳ן מערערע יסודות און הדרכות בעניני הכלל והפרט, וואס יעדע איינע איז געווען א תורה שלימה.

ביי א געלעגנהייט האט מיר דער רבי ז״ל דערציילט אז אין די בראשית יארן אין אמעריקע איז געווען א געוויסער אמעריקאנער פאבריקאנט מיטן נאמען ׳ווילטאן׳ ער האט געשטאמט פון אידן. ער האט מצליח געווען צו באקומען דעם ׳ביד׳ פון די רעגירונג צו צושטעלן די כשר׳ע מאכלים אויף די פליגערס.

כאטש ער אליין איז נישט געווען קיין שומר תורה ומצוות, האט ער געוואלט האבן דעם בעסטן הכשר אויף זיינע מאכלים, אז יעדער איד וואס וויל פליען ממדינה למדינה זאל זיין צופרידן פון זיין הכשר. ווען ער האט זיך פאראינטערעסירט ביים היימישן ציבור, האט מען אים געזאגט אז דער מהודר׳דיגסטער הכשר ביי כשרות הבשר, איז דער הכשר פונעם סיגעטער רב.

איז ער אריבער געקומען צום רבי׳ן, און אנגעטראגן אז דער רבי זאל געבן דעם הכשר אויף זיינע מאכלים. עס האט אויסגעזעהן זייער א לייטישע פארשלאג אין יעדן הינזיכט.

דער **רבי מרן הבר״מ זלה״ה** איז אריבער צום פעטער **כ״ק מרן רביה״ק זלה״ה** זיך שואל עצה זיין איבער דעם ענין צי ער זאל געבן דעם הכשר אויף דעם עסק.

האט אים דער רבי ז״ל **געענטפערט "נקוט האי כללא בידך, א הכשר דארף אן ערליכער איד, וואס ער אליין וויל כשרות, און ער וויל צושטעלן אז די מאכלים זאלן זיין כשר, איינער וואס איז נישט ערליך ער דארף נישט קיין הכשר"**... ווייל ער מיינט עס נישט ערנסט, ער נעמט נאר דעם הכשר פאר ביזנעס, ממילא קען מען אים נישט געטרויען.

דער רבי ז״ל האט אים מייעץ געווען אז ער זאל נישט געבן דעם הכשר. כמובן אז פקודתו שמרה רוחו און ער האט טאקע נישט אנגענומען צו געבן דעם הכשר.

ז׳ שצג) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה״ג ר׳ אלי׳ דוד גרינפעלד שליט״א** סופר סת״ם

## שרייבן א ספר תורה איז א חשוב׳ע זאך

איך האב געהערט פון הרה״ח ר׳ **שמואל אבערלענדער** ע״ה ראה״ק דקהלתינו הק׳, וואס האט געהערט פון הרה״ח ר׳ **הערש אינזליכט** ע״ה מזקני חסידי סאטמאר, אז בשנת תשל״ט האט ער אויפגעהערט צו ארבעטן, און ער האט געהאט אפגעשפארט א סכום פון 6000 דאללער, וואס ער האט געוואלט נוצן צו שרייבן א ספר תורה.

למעשה ווען עס איז געקומען דערצו האט ער געזעהן אז דאס איז א קליינער סכום, אין יענע צייט האט געקאסט צו שרייבן א ספר תורה ארום 20 טויזענט דאללער.

איז ער אריבערגעפארן צום רבי׳ן ז״ל קיין בעלל הארבער, און ער האט געזאגט פארן רבי׳ן זיין שאלה, אז ער האט חשק צו שרייבן א ספר תורה, אבער היות ער האט נישט גענוג געלט פאר א ספר תורה, פרעגט ער וואס צו טוהן מיט דאס געלט.

זאגט דער רבי **"שרייבן א ספר תורה איז זייער א חשוב׳ע זאך"**.

זאגט ר׳ הערש "אבער איך האב נישט דאס געלט דערפאר". אבער דער רבי זאגט איבער די זעלבע ווערטער **"שרייבן א ספר תורה איז א חשוב׳ע זאך"**.

איז ער ארויסגעגאנגען מקודש פנימה אן קיין תשובה. אינדערויסן האט ער איבערגעזאגט זיין שאלה פארן משב״ק הרה״ח ר׳ עזריאל גליק ז״ל, אז ווי עס זעהט זיך אויס האט דער רבי נישט פארשטאנען וואס ער האט געפרעגט.

איז ר׳ עזריאל נאכאמאל אריין מיט אים צום רבי׳ן, און ער האט פרובירט צו מסביר זיין די שאלה אז ער האט איבריג געלט וואס ער קען נישט נוצן פאר א ספר תורה, וואס זאל ער טוהן דערמיט. זאגט ווידער דער רבי **"כ׳האב אים געזאגט אז שרייבן א ספר תורה איז א חשוב׳ע זאך"**. און אזוי איז ווידער געווען עטליכע מאל, ביז רבי עזריאל זאגט אים "הערסט דאך וואס דער רבי זאגט...". איז ער אהיים געגאנגען אן קיין תשובה ברורה.

עס איז אריבער עטליכע חדשים, און דער רבי איז נסתלק געווארן לגנ״מ ביום כ״ו מנחם אב.

עטליכע וואכן שפעטער תיכף נאך יו״ט סוכות רופט אים אן א קרוב וואס האט געוואוינט אין איינע פון די ווייטערע אמעריקאנער סטעיטס. און יענער דערמאנט אים אז מיט איבער 20 יאר צוריק נאך די קריג, ווען ר׳ הערש איז ארויסגעקומען פון אונגארן אין יארע 56׳ האט יענער קרוב געבארגט פון אים א גרעסערן סכום געלט, וואס ער האט אינוועסטירט אין א געשעפט. אבער א א קורצע צייט שפעטער האט יענע ביזנעס אנגעזעצט, דאס גאנצע געלט איז צוגרונד געגאנגען, און דער חוב איז פארגעסן געווארן. דער קרוב האט במשך די יארן צוריק געעפענט דאס געשעפט און ער האט מצליח געווען, אבער דעם חוב האט ער איגנארירט.

דערציילט יענער קרוב ווייטער "אין די לעצטע וואכן זעה איך אין חלום אן עלטערן איד כסדר און ער פרעגט מיך שטרענג ׳פארוואס באצאלסטו נישט דעם חוב פאר ר׳ הערש אינזליכט?׳. היות דער חלום לאזט נישט נאך נאכט נאך נאכט, דער עלטערער איד איז מלא טענות אויף מיר אז איך דארף דיר אפגעבן דאס געלט, האב איך מחליט געווען דיר צו באצאלן דעם חוב, און איך שיק דיר אריבער צוואנציג טויזנט דאללער".

דער איד האט אריבערגעשיקט דאס געלט, און ר׳ הערש האט טאקע דעמאלטס געלאזט שרייבן א ספר תורה, גענוי אזוי ווי דער רבי האט אים געהאט געזאגט...

ז׳ שצד) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה״ח ר׳ יושע מענדלאוויטש שליט״א** משב״ק

## יותר מלימודו, איז פינף כוסות

אין איינע פון די ערשטע תש״כ יארן ווען איך האב געטראגן משלוח מנות בשליחות **כ״ק מרן רביה״ק זלה״ה** פאר זיין באליבטן פלומעניק **כ״ק מרן רבינו הברך משה זלה״ה**, האט ער געהאלטן אינמיטן די סעודת משתה היין, האט מיך דער רבי צוגערופן און געפרעגט "אין שו״ע שטייט אז מ׳זאל טרינקען פורים ׳יותר מלימודו, נו, וויפיל איז דער שיעור פון ׳יותר מלימודו׳?!

האט דער רבי געזאגט "אין די תורה שטייט נישט קיין שיעור וויפיל צו טרינקען, איינמאל טרעפן מיר א שיעור צום טרינקען דאס זענען די פיר כוסות וואס מ׳טרינקט פסח, קומט אויס אז ׳יותר מלימודו׳, איז מער ווי פיר כוסות, קומט אויס אז מיט פינף כוסות איז מען יוצא ידי חובתו".

## פורים המשולש בצל הקודש

אין יענע יארן איז געווען איין יאר ׳פורים המשולש׳, איז דער פורים רב **הרה״ח ר׳ נתנאל׳ע פארקאש ע״ה** געקומען פרייטאג צונאכטס אין בית המדרש מלובש בבגדי מלכותו, מיט א בלויע בעקיטשע, און זיין שווארצע בארד איז געווען געפארבט אויף ווייס, און ער איז געזעסן אויבן אן נעבן רבי׳ן.

ביים זינגן ׳**בואי בשלום**׳ האט איינער אויפגעהויבן דעם ׳פורים רב׳ אויף די פלייצע, און געטאנצן מיט אים ארום דעם גאנצן בית המדרש, פון מזרח צו צפון ביז מערב, און דערנאך צוריק ביז מזרח דורך דרום זייט, און אונטער אים האט זיך פארמירט א לאנגע שורה אידן וועלכע האבן מיטגעטאנצן מיט אים.

ס׳איז געווען גאר אינטערעסאנט צו זעהן, אז דער רבי איז געווען אויסגעדרייט צו מערב און האט געזינגען לענגער ווי געווענליך, ווארטענדיג ביז דער פ״ר וועט צוריק קומען למקומו אויף מזרח, ערשט דאן ווען ער איז געווען צוריק האט דער רבי אנגעהויבן זאגן ׳בואי בשלום׳ און זיך צוריק געדרייט.

יענעם מוצאי שבת ביים שושן פורים טיש, האט דער רבי מכבד די רבנים - וועלכע זענען געזעסן אויבן אן - מיט די זמירות פון מלוה דמלכא, עס ליגט מיר נאך אין זכרון אז דער **עטשעד׳ער רב הגה״צ ר׳ נפתלי טייטלבוים ז״ל** איז מכובד געווארן מיט ׳איש חסיד׳, ער האט געזינגען א לאנגע שטייטע ניגון וואס קיינער האט נישט געקענט, און ביים סוף האט ער געענדיגט די לעצטע ווערטער ׳ופרח לו איש האמת׳ מיט אן אויפפאלענדע לאנגע אויסלאז כמו חזנות, עס האט אויסגעזעהן ווי ער רופט אויס א הכרזה **"ופרח לו איש האמת"**...

האט אים דער רבי געפרעגט "ביי דעם בלייבט עס?" האט ער שוין ממשיך געווען און געזינגען אויך ׳אמר ה׳ ליעקב׳. פון דעם שטאמט די מימרא אז דער וואס זינגט ׳**איש חסיד**׳ זאל אויך זינגען ׳**אמר ה׳ ליעקב**׳. (המשך פון די זכרונות ימי הפורים בגליון הבעל״ט)

ז׳ שצה) עס האט דערציילט אונזער עלטער פעטער

**הרה״ח ר׳ שמואל דוד הכהן מאשקאוויטש ז״ל**

## ויהי ה׳ את דו״ד

די וואך שב״ק כ״ב אדר איז די יארצייט פון אונזער אומפארגעסליכער פעטער און בארימטער מלמד תשב״ר **הרב החסיד רבי שמואל דוד הכהן מאשקאוויטש ז״ל**.

ער האט נישט זוכה געווען צו אייגענע קינדער, אבער זיין גאנצע לעבן האט ער אוועק געגעבן פאר די יונגע תשב״ר, אלס מלמד, אלס מנהל, מיט אזויפיל אהבה און ליבשאפט. ער האט זיך מוסר נפש געווען צו אויפבויען די צובראכענע קינדער וואס האבן געדארפט עקסטערע הילף, און זיי געבויעט מיט שטארקע יסודות אויפן גאנצן לעבן.

חוץ מזה האט ער אזויפיל געטון פאר משפחות נצרכות, מידי שנה בשנה האט ער גענומען ׳מתנות לאביונים׳ אין נאנאשער ביהמ״ד בימי הפורים, און דאס געגעבן פאר די נצרכים פון די ׳פראדזשעקס׳ בנינים אויף דיוויזשאן עוו. וואו ער האט געוואוינט. יהא זכרו ברוך. (לע״נ הרה״ח ר׳ שמואל דוד ב״ר צבי פינחס הכהן ז״ל).

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס״ד: ביטע רופט די מערכת **Tellerkj@gmail.com/845-783-0735**